זון אויפגאנג — 5.22.
זון אונטערגאנג — 7.40.

וועטער :
טיילוויז וואלקנדיק און קיל

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

דאס
# אידישע ווארט
THE GATEWAY OF THE WEST
THE ISRAELITE PRESS

די איינציקע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

Vol. 20, No. 165, Winnipeg, Tues. Aug. 19, 1930. Published daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג דינסטאג כה אב, תר"ץ.

# 2 רומענישע אנטיסעמיטישע פירער ארעסטירט

## יונג מעדיסין-העטער פארליבט פארל, פארשוואונדן מיט א יאר צוריק, געפונען טויט אין אן אוטאמאביל אין די בערג

### קערפערס זיינען געלעגן א יאר צייט אין אוטאמאביל וואס איז פארוואקסן מיט גראז. — מיידל איז געווען אינגאנצן פופצן יאר אלט

מעדיסין-העט, אלטא., אווג. 19. — מיט א יאר צוריק איז דער געגנט פון סיפרעס הילס אויפגערודערט געווארן פון דער פארשווינדונג פון דער יונגער, שיינער מיני שטורם, וועלכע איז געווען 15 יאר אלט, צוזאמען מיט א בחור מיט'ן נאמען אדאם סניידער. דאס פארל איז פון דאן אן שפורלאז פארשוואונדן געווארן, און דער עולם איז געווען אונטער'ן איינדרוק, אז זיי זיינען אנטלאפן און חתונה געהאט.

איצט איז אנטדעקט געווארן דורך א צופאל, אז די געשיכטע האט זיך געענדיקט א סך טראגישער, ווי מען האט גערעכנט. אן איינזאמער רייטער, ארומדרייענדיק זיך אין די בערג פונ'ם געגנט, האט באמערקט אין א קליינעם טאל א פארדעקטן קעגנשטאנד. ער איז צוגעפארן נאענט, און ער האט דערזען אן אוטאמאביל, פארזשאווערט, מיט פארפוילטע "ראנינג באורדס" און פארוואקסן מיט גראז. אינ'ם אוטאמאביל זיינען געווען די טויטע קערפערס פונ'ם פארשוואונדענעם מיט א יאר צוריק פארל.

די קערפערס, האלב צעפאלן, זיינען געזעסן ארומגענומען. א צעטעלע, אינ'ם מיידלס האנטשריפט, אפגעבליאקעוועט פונ'ם וועטער, איז געווען אין אוטאמאביל, און האט זיך געלייענט: "מיר זיינען גליקלאך ביז'ן לעצטן מאמענט".

עס איז געווען קלאר: דאס פארל איז באגאנגען זעלבסטמארד דורך פארגיפטונג.

## קיין ארבעט פאר דרויסנדיקע הארוועסטערס אין די פריירים

לויט א באריכט פון דזשיימס נעים, באאמטער פון דעם רעגירונגס "עמפלאימענט אפיס", נויטיקן זיך ניט די פארמערס פון מאניטאבא, סאסקעטשעוואן און אלבערטא אין קיין ארבעטער הענט פאר זייער שניט אויף די תבואה פעלדער.

אלע פארמערס אין אלע דיסטריקטן אין די פריירי פראווינצן האבן גענוג ארבעטער הענט ארפצונעמען זייערע תבואות פון זייערע פעלדער, און א סך ארבעטסלאזע געפינען זיך נאך אין די שטעט און שטעטלאך אין מערב קאנאדע.

עס קאן מעגלאך זיין אז שפעטער צו ווען עס וועט זיך אנפאנגען דאס דרעשן וועלן זיך פאדערן מער ארבעטער, אבער מען דיינקט אז מיט די איצטיקע ארבעטסלאזע וואס געפינען זיך אין מערב קאנאדע וועט מען זיך לייכט קאנען ספראווען מיט דער דאזיקער ארבעט.

(::)

## צאל טויטע אין איטאליענישער ערדציטערניש, 1,476

רוים, אווג. 19. — לויט א באריכט פון דער פאשיסטישער פארטיי, איז די צאל אומגעקומענע אין דער ערדציטערניש פון 23טן יולי געווען 1,475, און ניט 2,142, ווי עס איז פריער באריכטעט געווארן.

## טראכאמא איז שטארק פארשפרייט צווישן די מענאניטן אין מאניטאבא באריכטעט דאקטאר

א באריכט פון דר. פ. וו. דזשעקסאן, דירעקטאר פון מאניטאבער דעפארטמענט צו פארהיטן פון קראנקהייטן, פאר דער דר. א. ה. בוריט קאמיסיע, אין דער לעגיסלאטור געביידע, צייגט, אז די אנשטעקיקע אויגן קראנקהייט, טראכאמא, איז שטארק פארשפרייט צווישן די מענאניטן אין דרום-מזרח מאניטאבא.

אן אונטערזוכונג פונ'ם געזונטהייט דעפארטמענט, ווי דער דאקטאר דערציילט, האט געוויזן, אז גאנצע צען פראצענט פון דער באפעלקערונג פון די מענאניטן קאלאניעס ליידעט פון טראכאמא. דאס איז אן אנשטעקנדיקע קראנקהייט, וועלכע, ווען זי ווערט פארלאזן, פאראורזאכט אפט בלינדקייט.

פון 7,900 מענאניטן וואס זיינען אונטערגעזוכט געווארן, דערקלערט דער דאקטאר, ליידן 713 פון טראכאמא. 1,113 ליידן פון אנדערע אויגן פעלערן, און נויטיקן זיך אין באהאנדלונג.

דר. בוריטס קאמיסיע מאכט איצט אן אויספארשונג וועגן דער לאגע פון די בלינדע און וועגן דעם וואס קאן געטאן ווערן צו פארלייכטערן זייער גורל.

דר. דזשעקסאן האט דערקלערט, אז דער פראווינציעלער געזונטהייט דעפארטמענט איז אנטשלאסן צו באקעמפן די פארשפרייטונג פון טראכאמא, גרינדנדיק קליניקס אין די געגנטן, וואו די קראנקהייט איז פארשפרייט.

(::)

## פאשיסטישע פארטיי ציילט איבער א מיליאן מיטגלידער

רוים, אווג. 19. — לויט א באריכט פון דער פאשיסטישער פארטיי, ציילט איצט די פארטיי א מיטגלידערשאפט פון 1,040,508 מענער, 106,756 פרויען און 41,680 אוניווערסיטעט סטודענטן.

אין דער פארטיי זיינען אויך דא 21,055 יונגע פאשיסטישע מיידלאך, און 1,816 אוניווערסיטעט פראפעסארן.

אינ'ם באריכט ווערט צוגעגעבן, אז 150 טויזנט קינדער ווערן באזארגט דעם זומער אין די פאשיסטישע זומער קאלאניעס.

## דר. מארטין בובער באשטימט פראפעסאר פון רעליגיעזער וויסנשאפט אין פראנקפורטער אוניווערסיטעט

בערלין, אווג. 19 (איטא). — דר. מארטין בובער, דער אינטערנאציאנאל באוואוסטער אידישער געלערנטער און פילאזאף, איז באשטימט געווארן אלס פראפעסאר פון רעליגיעזע וויסנשאפטן אין פראנקפורטער אוניווערסיטעט, איז דא באקאנט געווארן.

## נאנקינער רעגירונג דערציילט וועגן גרויסע זיגן איבער רעבעלן

נאנקין, אווג. 19. — די נאציאנאליסטישע רעגירונג אננסירט גרויסע זיגן אויף די שלאכטפעלדער קעגן די רעבעל ארמייען פון צפון כינע. אין די הויכע רעגירונגס קרייזן זאגט מען שוין אפילו פאראויס, אז צום בירגער-קריג וועט באלד נעמען א סוף מיט א פולן זיג פאר דער רעגירונג.

די אפטימיסטישע שטימונג איז א רעזולטאט פון דעם זיג פון די רעגירונגס ארמייען, וואס האבן פארכאפט צוריק פון די רעבעלן די שטאט טסינאן, הויפטשטאט פון דער שאנטונג פראווינץ, און פון דעם באריכט פון האנאן, אז די צפון ארמייען האלטן זיך אין צוריקציען פון דארטן.

מיט דער שטאט טסינאן, באהויפטעט די רעגירונג, האבן אירע ארמייען פארכאפט 30 טויזנט ביקסן, 130 פעלד-קאנאנען און דריי עראפלאנען. נאכ'ן זיג ביי טסינאן, האט פרעזידענט טשאי-שעק גלייך ארויסגעשיקט עראפלאנען קיין האנאן קעגן די רעבעלן.

די רעגירונג אנאנסירט אויך, אז זי האט באפוילן אן אפענסיווע קעגן טשענג טשאו, א וויכטיקע שטאט צו מערב פון קאיפענג.

## בריטישע רעגירונג וועט אויסזעצן קעגן באריכט פון מאנדאטן קאמיסיע

### וועט ארויסדריקן אומצופרידנהייט, למאי קאמיסיע האט מער געגלויבט אידישן באריכט, ווי אידן שפאלטונג אין רייען פון אראבישע פירער. — אראבישע סטודענטן באשליסן צו סטרייקן אין סימפאטיע מיט אויסגעשלאסענע חברים

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

לאנדאן, אווג. 19 (איטא). — עס ווערט באקאנט, איז אין די בריטישע אבסערוואציעס בנוגע דעם באריכט פון דער מאנדאטן קאמיסיע איבער ארץ-ישראל, וואס ווערן דערווארטעט צו פארעפנטלאכט ווערן דעם דאנערשטאג, — קריטיקירט די בריטישע רעגירונג די קאמיסיע פאר איר ארויסציינגן אין געוויסע פונקטן מער צוטרוי צו דעם אידישן מעמאראנדום, ווי אין די דערקלערונגען פון דער בריטישער רעגירונג.

עס ווערט דארט אויך אויפגעווארפן דער מאנדאטן קאמיסיע וואס זי האט ניט געשיינקט די געהעריקע אויפמערקזאמקייט צו דעם שאו באריכט, מיט א גרויסן טייל פון וועלכן די בריטישע רעגירונג האט איינגעשטימט.

### ערנסטע רייבונגען צווישן אראבישע פירער

ירושלים, אווג. 19 (איטא). — א קריזיס אין די רייען פון די אראבישע פירער איז ארויסגערופן געווארן מיט דער פלוצלומדיקער אפזאגונג פון אוני אבדול האדי פונ'ם אמט פון ראטגעבער פונ'ם מוסולמאנישן הויכן ראט.

אונים פריינט באמערקן איראניש, אז דאס איז זיין באלוינונג פאר זיין איבערגעגעבענער ארבעט פאר דער שאו קאמיסיע, אין דער אראבישער דעלעגאציע און פאר דער כותל מערבי קאמיסיע.

די אורזאך פון זיין אפזאג איז ניט אנאנסירט געווארן. עס ווערט אבער באהויפטעט, אז דער מופטי איז געווארן אייפערזיכטיק אויף אונים וואקסנדער מאכט און איינפלוס, און האט געוואלט פון אים פטור ווערן. די פאליטיקער דערווארטן, אז אוני זאל צושטיין צו דער אנטי-מופטישער אפאזיציע.

אוני פארבלייבט סעקרעטאר פון דער אראבישער עקזעקוטיווע, און דער סכסוך צווישן די צוויי קערפערשאפטן, וואס איז ביז איצט געהאלטן געווארן אונטער קאנטראל, קאן איצט אויף אן אמת'ן אויסברעכן.

ירושלים, אווג. 19 (איטא). — א סך פון די אראבישע צייטונגען אין לאנד טרעטן ארויס קעגן דעם גרופענעם סטרייק אווג. 23טן, דעם יאר-טאג פון די פאסירונגען פון לעצטן יאר. דעם מופטיס ארגאן "דזשאמיא על אראביא" איז אבער פאר דעם סטרייק, און ער רופט אלע אראבער צו דעמאנסטרירן זייער איינינקייט און זייער פארלאנג פאר אומאפהענגיקייט און פרייהייט.

ירושלים, אווג. 19 (איטא). — אויסרעכענענדיק די שטחים פון די 13 לאנד קניות וואס די אידן האבן געמאכט אין די לעצטע דריי יאר, מיט א סך-הכל פון 100 טויזנט דונאם אינ'ם תול-כרם דיסטריקט, איינשליסנדיק 31 טויזנט דונאם אין וואדי-האווארית, — פארדאמט די אראבישע צייטונג "על כרמל" די אראבישע פירערשאפט, "וועלכע איז אזוי פארנומען מיט אויסטיילן כבודים צו די אזוי גערופענע פירער, אז זי פארזעט אזא וויכטיקע זאך ווי די אידישע לאנד קניות".

### אראבישע סטודענטן באשליסן צו סטרייקן

ירושלים, אווג. 19 (איטא). — א קאנפערענץ פון אראבישע סטודענטן האט באשלאסן אויפצופאדערן אלע שילער פון די רעגירונגס שולן ניט צוריקצוקערן זיך צו די קלאסן ביים אנהויב פונ'ם נייעם לערן-יאר, ביז דער רעגירונגס אראבישער קאלעדזש וועט אריינעמען צוריק די אכט אראבישע סטודענטן, אויסגעשלאסן פאר סטרייקן אין דעם טאג פון דער הינריכטונג פון די דריי אראבער.

## ניקאלאי טאטו און מ. ערעמיא פארהאלטן אויפ'ן וועג קיין טשערנאוויץ

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

בוקארעסט, אווג. 19 (איטא). — ניקאלאי טאטו און מ. ערעמיא, צוויי נאטאריעזע רומענישע אגיטאטארן, זיינען ארעסטירט געווארן פון דער טשערנאוויצער מאכט אויף דער באן וואס איז געגאנגען פון דארנאוואטרא קיין ביסטריצא, לויט א באריכט אין דער צייטונג "דימינעאצא".

ערעמיא איז געווען אויף זיין וועג צו דערשיינען פאר'ן פראקוראר אין קימפאלונג.

עס ווערט אויך באריכטעט, אז קאראל דאנילא, נאך א טרויעריק בארימטער אגיטאטאר, איז איצט אויפ'ן וועג קיין בוקארעסט.

## טעקסי דרייווער שטארבט פון וואונדן וואס ער האט געקראגן פון באנדיטן

קאלגארי אלבערטא, אווג. 19. — ערנסט מידווינטער, א טעקסי דרייווער איז דא געשטארבן פון וואונדן אין "האלי קראס" האספיטאל, וואס ער האט געקראגן פון פיר באנדיטן.

שבת ביינאכט האבן די פיר באנדיטן אים ארויסגענומען פאר א "רייד". ווען זיי זיינען אפגעפארן צוועלף מייל דרום פון קאלגארי האבן זיי אים געשאסן, געבונדן און זיי האבן אים אריינגעווארפן אין א "דיטש". די פיר באנדיטן זיינען נאך דערווייל פריי.

## היגער לופט-פליערער סטודענט געטויט אין עראפלאן ברוך

אטא דרעיל, 26 יאר אלט, סטודענט פון אוויאציע אינ'ם וויניפעג פלי-קלוב, איז לעצטן אוונט געטויט געווארן אין אן עראפלאן אומגליק.

מר. דרעיל האט זיך געלערנט פליען אויף אן עראפלאן, און ערשט מיט צוויי טעג פריער האט ער דורכגעמאכט זיין לעצטן עקזאמען פאר סאלא פליען. לעצטן אוונט איז ער ארויסגעפלויגן אויף דעם עראפלאן וואס באלאנגט צום קלוב, אויף א שפאציר. ער האט געפרואווט מאכן א "ספין", א זאך וואס איז נאך ניט געווען פאר זיינע כחות. ער האט דאן פארלארן דעם קאנטראל איבער'ן עראפלאן, און ער איז ארויסגעפאלן פון דער מאשין, איידער זי האט נאך דערגרייכט דעם באדן. ווען מען איז צוגעלאפן צו אים האט מען אים שוין געפונען א טויטן.

דער פארשטארבענער איז געווען אין וויניפעג פאר די לעצטע פאר חדשים, און האט דא בלויז געלערנט זיך פליען. ער האט איבערגעלאזן עלטערן אין דענמארק, און א ברודער אין טשאטהאם, אנט.

## גאנדי שטימט איין אפצושטעלן דעם פאסיוון קאמף קעגן ענגלאנד אויף געוויסע באדינגונגען

לאנדאן, אווג. 19. — נאך א בארעטונג מיט די אנדערע אינדישע פירער אין זיין צעל אין טורמע האט מאהאטמא גאנדי אפגעשיקט צו לארד אורווין, וויצע-קעניג פון אינדיע, זיין אנבאט צוריקצוציען זיך פונ'ם פאסיוון קאמף קעגן ענגלאנד, אויף געוויסע באדינגונגען.

גאנדי זאגט, אז ער ווייס גוט, אז צוליב דער אפאזיציע פון די קאנסערוואטיוון און די ליבעראלן וועט די אינדא-בריטישע קאנפערענץ אין לאנדאן ניט קאנען אננעמען דעם פלאן פון האום-רול פאר אינדיע. ער פארלאנגט דערפאר, אז די בריטישע ארבעטער רעגירונג און דער וויצע-קעניג זאלן דערקלערן, אז זיי שטעלן זיך פאר זייער ווייטערדיקן ציל דעם פולן דאמיניאן סטאטוס פאר אינדיע, און ווען די רעגירונג זאל צו דעם דערקלערן א פולע אמנעסטיע פאר אלע פאליטישע געפאנגענע, דאן שטימט ער איין צוריקצורופן דעם אומגעהארכזאמקייט קאמפיין.

גאנדי פארלאנגט אבער, אז דאס פארשפרעכן זאל ניט זיין פון א פערזענלאכן כאראקטער, נאר זאל זיין א דערקלערונג פון דער רעגירונגס פאליטיק.

די בריטישע ארבעטער פארטיי איז פארפליכטעט מיט איר פראגראם, צו א דאמיניאן סטאטוס פאר אינדיע. זאל אבער די רעגירונג דערפילן גאנדיס פארלאנג, וועט דאס אלצאיינס ארויסרופן א שטורעם פון פראטעסטן פון די קאנסערוואטיוון און פון די ליבעראלן, און קאן פירן צום פאל פון דער רעגירונג און צו נייע וואלן.

## "די מאראנען פון פארטוגאל"

א סעריע פון העכסט אינטערעסאנטע אויסצוגן פון דעם בארימטן בוך פון דר. ערנפרייז (שטאקהאלמער ראבינער) "צווישן מזרח און מערב" ספעציעל איבערגעזעצט פאר "דאס אידישע ווארט"

— פון —

ק. בראקער

הויבט זיך אן דרוקן

**היינט אין ד. א. וו.**

און וועט זיך דרוקן פאר 4—5 טעג

## קאראלס קאראנאציע אפגעלייגט, ווייל די קעניגן איז ניט צופרידן

בוקארעסט, אווג. 19. — קעניג קארלס פלענער פאר א גרויסער פייערלאכער קאראנאציע דעם הארבסט וועלן ניט דורכגעפירט ווערן. עס ווערט איצט אפיציעל אנאנסירט, אז אנשטאט אקטאבער 15טן, ווען די קאראנאציע האט געזאלט פארקומען, איז די צערעמאניע אפגעלייגט געווארן אויף פרילינג, 1931.

קיין דערקלערונג וועגן דעם אפלייג ווערט ניט געגעבן, אויסער דעם, אז דאס ווערט געטאן צוליב פערזענלאכע, אזוי גוט ווי פאליטישע און עקאנאמישע סבות. דער איינדרוק דא איז אבער, אז די הויפט סבה איז דא דאס, וואס די קעניגן ווייל ניט פארגעבן דעם קעניג און וויל ניט זיין זיין פרוי, אזוי לאנג ווי ער זאגט זיך ניט אפ פון זיין געליבטער, מאגדא לופעסקו.

ווי אן אויסלענדישער דיפלאמאט האט אנומלט דערקלערט, ווערט דער אפגרונט צווישן דעם קעניג און דער קעניגן אלץ טיפער. דער קעניג, א סברא, פלאנט אומאפיציעל חתונה האבן מיט מאגדא לופעסקו, און קעניגן העלענא, וועלכע איז אן אמביציעזע פרוי, וועט בשום אופן ניט איינשטימען צו זיין א קעניגן און דעם קעניגס פרוי בלויז אין נאמען.

## פראגראם פראגע באטראכט פון שול קאנפערענץ

סיראקיוז, נ. י. אווג. 19. — דער גאנצער טאג אויף דער פארבאנד שולן קאנווענשאן נעכטן איז געווען פארנומען מיט דיסקוסיעס וועגן דעם שול פראגראם, און מיט דער פראגע, ווען דארפן די קינדער גראדואירן. ש. שאפירא האט גערעדט וועגן דעם פראגראם, און ש. וויסמאן — וועגן דער גראדואירונג פראגע.

ל. סיגל האט באגריסט די קאנווענשאן אינ'ם נאמען פון דעם אידיש-נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד, פארזיכערנדיק די פולסטע פארבאנד שטיצע, סיי מאראלישע און סיי פינאנציעלע.

א סך אינטערעסאנטע רעזאלוציעס וועלן פארהאנדלט ווערן פון דער קאנווענשאן.

(::)

## האגל צעשעדיקט תבואות אין אלבערטא

עדמאנטאן, אלט., אווג. 19. — איינער פון די שרעקלאכסטע האגלען און שטורעמס אין דער געשיכטע פון דעם דיסטריקט צווישן וועגרעוויל און א פונקט נארט-איסט ריינפורלי, האט זיך דורכגעטראגן נעכטן אינדערפרי און האט אויסגעהאגלט די תבואות אויף א פאס פון פערציק מייל די לענג און דריי מייל די ברייט.

דער דאזיקער דיסטריקט איז פארהעלטענעמעסיק ניי און די קאמוניקאציע באדינגונגען זיינען נאך ניט גוט איינגעשטעלט געווארן און דערפאר איז עס ניט לייכט פעסטצושטעלן גענוי ווי גרויס דער פארלוסט איז. אויף וויפיל עס איז אבער באקאנט, האט דער האגל אנגעטאן שאדן אויף הונדערט פראצענט, אין כמעט אלע פאלן. זייער ווייניק פארמערס האבן געהאט זייערע תבואות פארזיכערט קעגן האגל.

## געזעלשאפטלאכער קאלענדאר

**דינסטאג, אווגוסט 19**

ערשטער "באָרד מיטינג" פון כנסת-ישראל סיסטערהוד 8.30 נ.מ. אין ת"ת.

**פרייטאג, אגוסט 22**

רייכע פראגראם ביי גראנדיעזן יוגנט-לאכן ליטערארישן-מוזיקאלישן אוו., 8.30 אוונט, אין ציון זאל. אויפגיכט: "הנוער העובר". איינטריט פריי.

(::)

### טעג-טאג סעפטעמבער 14טן

אין צוזאמענהאנג מיט דער פראקלאמירונג פונ'ם חודש קאמפיין פאר'ן הנוער העובד אין א"י, האט דער קאמיטעט אויף זיין לעצטער זיצונג באשלאסן דורכצופירן א טעג-טאג זונטאג, דעם 14טן סעפטעמבער. פריינטלאכע ארגאניזאציעס ווערן געבעטן צו האלטן דעם דאטום פריי.

## גרויס ברייזל פארכאפט ארום בווירדס היל

די פאליציי האט ארעסטירט מייק שקאלני אין פארבינדונג מיט א גרויסן ברייזל וואס ס'איז איר געלונגען צו אנטדעקן פיר מייל פונ'ם גאלף-קורס פון בווירדס היל, ניט ווייט פון וויניפעג.

שקאלני איז ארעסטירט געווארן, נאכדעם ווי א טראק געלאדן מיט צוקער, הוויון און קאקורוזע, וועלכן ער האט געזאלט האבן געטריבן, איז פארהאלטן געווארן. די פאליציי האט געפונען דאס ברייזל ניט ווייט פונ'ם ארט וואו דער טראק איז פארהאלטן געווארן.

(::)

## צען יאריקע יובילייע פון אידישער שול ארגאניזאציע געפייערט אין ארגענטינע

בוענאס-איירעס, אווג. 19 (איטא). — די אידישע ארבעטער שולן, אויפ'ן נאמען פון ב. בארוכאוו, פייערן איצט דעם צען יאריקן יובילייע פון זייער עקזיסטענץ.

אין בוענאס איירעס זיינען איצט פאראן פינף אזעלכע שולן און א צאל געפינען זיך אויף דער פראווינץ. די שולן זיינען געגרינדעט געווארן פון די פועלי-ציון פאר דער שפאלטונג אין זייערע רייען. איצט געפינען זיי זיך אונטער דער אויפזיכט פון די לינקע פוע"צ. אין משך פון זייער צען יאריקער עקזיסטענץ האבן די שולן פיל אויפגעטאן פאר ארויסרייסן פון דער אסימילאציע א גרויסע צאל ארגענטינער אידישע קינדער. א קאמיטעט פון געוועזענע שילער פון די בארוכאוו שולן האבן מיטגעהאלפן ארגאניזירן דעם יובילייע

(::)

## 4 דערשאסן אין מאסקווע פאר קאנטער-רעוואלוציע

מאסקווע, אווג. 19. — פיר מענשן, א ספעקולאנט, א קאסירער און צוויי הענדלער, אנגעקלאגט אין קאנטער-רעוואלוציע אין פארבינדונג מיט די אונטערזוכונגען וועגן באהאלטענע זילבער-געלט, זיינען ארעסטירט און דערשאסן געווארן.

א סך אנדערע זיינען פאר'משפט געווארן צו פארשיידענע טורמע טערמינען, פאר דערמוטיקן די אנזאמלונג פון זילבער-געלט, — וואס די סאוועט רעגירונג איז אנטשלאסן אויסצוואָרצלען.

## אגב - אורחא

פון מארק

### מען שמייסט אידן !

אידן שמייסן אלע.

ווענן שונאים איז דאך אפגערעדט: זיי טוען עס מיט סאדיסטישן פארגעניגן און מיט אזא רציחה, אז דארט וואו זיי לייגן אוועק א האנט זאל שוין מער קיין גראז ניט וואקסן.

אבער ווי עס איז דער שטייגער מיט א יתום, שמייסן אונז אויך גוטע פריינט, — פעטערס, מומעס, קרובים און סתם גוטע און פרומע לייט, וואס רעכענען עס פאר א מצוה אריינצוצימבלען מצוות און מעשים טובים אין דעם יתום, נעבאך...

אמאל האבן אונז מיט פייערדיקע רוטער געשמיסן אונזערע אייגענע נביאים. היינט צימבלען אונז אריין, לויט זייערע שוואכע כחות, להבדיל אלף הבדלות, אונזערע מאדערנע זשורנאליסטן, מוסר-זאגער, פעליעטאניסטן, און ווער ניט!

* * *

און אזוי האט איבער אונזער גאנצן פראנט געמאכט אן אטאקע אונזער פריינט איזידאר איש-הורוויץ (אין "דאס אידישע ווארט" נעכטן, אינ'ם ארטיקל "פארשיידענע נאטורן").

נו, איז די מייסטע שמיץ, מוז איך זאגן, האבן מיר כשר פארדינט, — אפילו די שמיץ, וועלכע דער רעדאקטאר האט, ווי מיר זעט אויס, צוליב טאקטישע טעמים, געמאכט מילדער, אונטערלייגנדיק א קישעלע...

איך מוז מודה זיין, אז איך צימבל אויך אריין אונזער פאלק ישראל אין א שוואכן פונקט פון-צייט צו-צייט. אז אלע טוען עס, בין איך אויך א פעטער, און טו אויך מיין חוב צום יתום...

אבער איך טו עס מיט רחמנות. איך גיב די שמיץ אין "אינסטאלמענטס", צו ביסלאך, — עס זאל עס לייכטער קאנען פארטראגן.

אבער פריינט איש-הורוויץ האט זיך פארנומען אריינצוטיילן אלע שמיץ אויף אמאל, און טאקע על חטא שחטאנו און על חטא שלא חטאנו.

דארף מען דאך האבן א הארץ פון א טאטער, — און איך מוז זיך שוין איינשטעלן פאר אונזערע אידן!

* * *

איך האב דוקא ניט מורא פאר דעם, טאמער וועט חלילה אן אנטיסעמיט דורכלייענען דעם דאזיקן ארטיקל, און וועט דאן זאגן: "אהא, איר זעט, אידן אליין גיבן צו אז זיי זיינען אזעלכע-און-אזעלכע".

מיין כלל איז, אז פאר אנטיסעמיטן האבן מיר ניט וואס מורא צו האבן, ווייל זיי וועלן אלצאיינס שלאגן, ווען נאר זיי וועלן האבן די געלעגנהייט דאס צו טאן.

יעדנפאלס האבן מיר ניט וואס צו זוכן אויספיינען זיך פאר זיי, סיידן זיי אויף צופוקעניש: ווייל וואס פיינער מיר זיינען, אלץ מער ברענט אין זיי די רציחה.

אבער פאר אונז אליין איז עס שוין צופיל אויף איין מאל. איר ווייסט דאך, אז מען האלט א אינגל אין איין איינשמועסן אז ער איז א לא-יוצלח אויף אלע געביטן, וועט ער עס אנהויבן גלויבן און וועט שוין במילא קיינמאל קיין לייט ניט ווערן...

* * *

אייגנטלאך זיינען די אלע חסרונות וואס פריינט איש-הורוויץ רעכנט אויס, ניט קיין ספעציפיש אידישע חסרונות.

נעמט, למשל, די פראגע פון אומפינקטלאכקייט אין צייט, — דאס איז א רוסישער שטריך אפשר מער, ווי א אידישער.

אדער נעמט די נייגונג פון די אידן צו דעמאנסטראציע, צו טומלדיקייט, צו הויכע אויסדרוקן פון געפילן, — דאס איז כאראקטעריסטיש פאר אלע פעלקער מיט ווארימען דרום בלוט אין זייערע אדערען. די איטאליענער, למשל, ריידן, פונקט ווי די אידן מיט די הענט און זיינען אפשר נאך טומלדיקער ווי די אידן.

אבער ווען איר רעכנט אויס אזויפיל אידישע חסרונות אין איין אטעם, דאן ווערט עס זייער אן איינדרוקספולער סך-הכל, און עס זעט אויס, אז אלץ וואס מיר האבן געטאן, איז וואס מיר האבן איבערגענומען די חסרונות פון אלע פעלקער...

* * *

אין דער אמת'ן זיינען א סך פון די חסרונות אויסגערעכנט אינ'ם ארטיקל ניט קיין גרונט-חסרונות.

די אידן אין איטאליע, למשל, וועט קיינמאל ניט ארויף אויפ'ן זינען, אז צו ריידן הויך, אדער אויסדריקן הויך פרייד אדער טרויער, איז א חסרון.

א איד אין רוסלאנד נעמט אן פאר גאנץ נארמאל צו זיין ניט פינקטלאך אין צייט.

ס'איז בלויז א פראגע פון סביבה. דא אין לאנד, מיט אנדערע מנהגים און אנדערע "סטאנדארדס" זעט דאס אויס פאר גוואלדיקע חסרונות.

ס'איז אזוי בלויז א פראגע פון צופאסן זיך צו דער סביבה, — און, זייט זיכער, אז עס וועט לאנג ניט נעמען און אידן וועלן זיך צופאסן.

* * *

עס איז אבער נאך א גרויסע פראגע, אויב אט די צופאסונג וועט אונז אין אלע פאלן טאן גוטס.

אין א צאל פאלן קאן דאס מיינען אפזאגן זיך פון זיך אליין, פון דער אייגענער נאטור, און האנדלען אויף א געקינסטלטן אופן.

די אידן וואס קאפירן שטארק די גויים זיינען גאר ניט אזא צוציענדיקער בייספיל. זיי שלאגן אונז זייער אפט אפ דעם חשק צו ענדערן אונזערע מנהגים. ס'איז שוין בעסער זיין נאטירלאך מיט אונזערע חסרונות, ווי צו זיין געקינסטלט לויט זייער מוסטער, מיט די גויאישע מעלות, וואס קלעפן זיך צו זיי — ווי א צילינדער הוט צו א קוימען-קערער ביי דער ארבעט.